# דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 1. מערץ, 1925. ניו יארק.

זישא לאנדוי:

## פאר'ן כבוד פון ווארט

דער נביא, דער פריידיקער, דער פאליטיקער האבן עפעס ווייטע ווייטע, אבער זייער אפט טונקעלע. און אויסרעכונונגען פארצילן; נעמען אפט ביי זיי דעם פלאץ פון צילן.

בלויז מיר, עסטעטן האבן ניט קיין צילן און קיין צוועקן. זיכער ניט קיין אויסרעכענונגען.

דער בוים בליט—שיין איז דער בוים! שיין איז דיין שמייכל! ביז ווייטיק דערפרייט די נשמה דער וואוילגערוך פון לידער און דער אויפשוואונג פון געדאנק! שיין איז דער גאנג פון טעג און פון וועגן! — אלץ, וואס איז דא, איז שיין, עס איז שיין ווייל עס איז דא.

מיאוס איז בלויז דאס, וואס ס'איז ניטא, דאס, וואס דארף ערשט קומען, וואס דארף ערשט געבוירן ווערן.

דאס איז דער אמת פון די, וואס האבן א הארץ צו פילן, וואס לעבן מיט זייערע חושים, פאר וועמען יעדעס געפיל לעבט זיין אייגן לעבן, אין זיין אייגן רעכט.

נביאים, פאליטיקער און פריידיקער פארזיכערן אונז אז דאס וואס איז נאך ניטא, אז דאס וואס דארף ערשט קומען, אז דאס צוקינפטיקע איז מלא חן, מיינענדיק צו זאגן, אז עס איז ניצליך, נויטווענדיק, באקוועם, יושר'דיק. די וואס זיינען אומצופרידן מיט דעם, וואס איז דא, די וואס לעבן ניט דורך נאר האבן א ש ט ע ל ו נ ג צו ערשיינונגען פון לעבן ווייסן ניט פון קיין פרייד און במילא איז זיי פרעמד דאס געפיל פאר דאס שיינע. זיי רעדן, האמפערן זיך, היצן זיך וועגן אן ענין וואס זיי קענען אים ארגאניש ניט באנעמען.

דאס געפיל פאר דאס שיינע, ווי דאס עטישע געפיל קען אין געוויסע צייטן זיין שטארק ביי א מענכשן און דערנאך ווערן שוואכער, אדער אים אין גאנצן פארלאזן. אפט איז דאס מיט'ן געפיל פאר דאס שיינע, זעלטענער מיט'ן געפיל פאר גערעכטיקייט. ווען א מענש איז געבויט אזוי אז ער קען ניט פארטראגן קיין אומרעכט. וועט זיין ווען שטענדיק פראטעסטירן ווען עס וועט אן עולה בא-





גאנגען ווערן. — אט דעם פרימיטיוון, געזונטן געפיל, צי אינסטינקט, האט די נאטור צעטיילט מיט א ברייטער האנט רעכטס און לינקס. מען דארף ניט זיין אויסדערוויילט דערצו. עס מיינט ניט חלילה צו זאגן, אז מיר דארפן דאס געפיל ניט האבן. עס איז קיין מענש ניט דער וואס האט אים ניט, אבער איבערנעמען זיך דערמיט איז ניטא וואס. עס איז די זעלבע מעשה ווי מיט א האנט אדער פוס. עס איז אז אך-און-ווי ווען מען האט זיי ניט, אבער שטאלצירן דערמיט וואס מען האט יא אברים, איז נאריש.

אנדערש איז מיט דעם געפיל פאר דאס שיינע. בלויז אויסדערוויילטע האבן אים, בלויז געציילטע זיינען מיט אים באשאנקען. די שוואכערע זוכן מיט אלע מיטלען, ניט פילנדיק אליין, פון אים פטור צו ווערן. ער איז שווער, איז אומניצליך, פאדערט קרבנות, איז דעספאטיש, וויל זיך מיט קיינעם ניט טיילן מיט זיין הערשאפט און זויגט אויס, מעשה שפין, די לעצטע טראפן כחות פון די, וואס האבן זיך אים פארקויפט, און זייער לעצטער אטעם איז א לויב-געזאנג צו אים.

מיט א פאר שורות פריער האב איך געזאגט, אז דאס געפיל פאר דאס שיינע קען ביי א מענטשן אין געוויסע צייטן זיין שטארק און דערנאך אים פארלאזן אינגאנצן. מעגלאך, אז עס איז ניט אזוי: עס איז דאך ניט עפעס אויסערליכעס, עס איז דאך ניט עפעס צוגעקלעפטס, וואס מען קען פארלירן, און דער וואס האט עס ניט איצט, האט עס קיינמאל ניט געהאט. עס האט זיך אים בלויז אויסגעדאכט, אדער ער האט זיך עס איינגערעדט. מעגלאך. איך בין אין דעם ניט זיכער. צום עצם ענין האט עס ניט.

אזוי איז מיט דעם יחיד. מיט'ן כלל טרעפט יא, אז א געוויסער געפיל זאל אין א געוויסער צייט זיין שטארק ביי אים און דערנאך אפשטארבן. דער יחיד קען לצבן זיין לעבן, קען האבן זיין אמת. דער כלל איז שטענדיק אומרואיק, איז שטענדיק היסטעריש, ווערט פארפירט פון פרעמדע. „די שטימע פון פאלק איז די שטימע פון גאט", — זאגט אן אלטער אמת. — קיין אייגענע שטימע האט דער כלל ניט.

די לעצטע יארן דאמינירט דאס געפיל פון גערעכטיקייט. די ביטערע נויט צווינגט דערצו. אין אייראפע האט דאס געפיל אזוינע טיפע ווארצלען געשלאגן, אז א פונק דערפון איז געפאלן אין געוויסע ליטערארישע ריכטונגען אין אמעריקא. לאמיר אלץ בעטן צו גאט, אז די לאגע אין אייראפא זאל אויף אזויפיל פארבעסערט ווערן, און דאס מענשלאכע לעבן זאל ניט זיין אזוי הפקר און עס זאל ניט זיין אזוי גרויס די מורא פאר'ן מארגענדיקן טאג, כאטש אויף אזויפיל

אויף וויפיל עס איז אין אמעריקע, און אויך דאָרט זאָלן אנדערע געפילן געפינען אַן אָפּקלאַנג אין מענשלאַכע הערצער. און ניט בלויז דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס האָט בלויז אַ קיום אין שלעכטע אומשטענדן און ביי מענטשן וואָס קענען זיך קיין עצה ניט געבן.

דאָס געפיל און דער זין פאַר דאָס שיינע איז איצט אַטראָפּירט, איז דער׳הרג׳עט, און עס זעט זיך ניט די צייט ווען עס זאָל אַמאָל אויפשטיין תחית המתים.

און אויף שריט און טריט פון דער אַלטער וועלט שטייען לייט אַזוינע און זיינען זיך משמח. וואָס איז די שמחה, רבותי? — עס קומט אַ נייע קונסט, די אַלטע איז טויט!

אפשר איז דאָס אַלץ אמת. מיר לעבן אין וואונדערלאַכע צייטן, אַלץ קען פּאַסירן! אָבער זיכער איז, אַז די דאָזיקע לייט האָבן מיט קונסט ניט וואָס צו טאָן. אַ מענש וואָס לעבט, וואָס האָט אַ פונק לעבן אין זיך, וועט זיך ניט אַריבערפּעקלען מיט גרויס פרייד אויף דער אמת׳ער וועלט, בלויז דערפאַר, ווייל עס זאָגט זיך, אַז זי איז בעסער ווי אונזערע. ווי שלעכט אונזער וועלט זאָל ניט זיין, איז זי טויזנט מאָל זיסער פון יענער. שוין דערפאַר וואָס זי איז דאָ, וואָס זי האָבן מיר שוין פאַרזוכט, און אפילו דער, ביי וועמען זי האָט איבערגעלאָזט ניט קיין איבעריק זיסן נאָך־טעם אויף די ליפּן, וועט זי ניט פאַרבייטן אויף אַ פרעמדער, אויף אַ ווייטער.

דאָס טוען מענטשן, וואָס זיינען אינגאַנצן דערשלאָגן, און דאָס בלויז אין היסטערישע רגע׳ס. דאָס זעלבע מיט קונסט. לעבן נאָך אַ קונסט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער היינטיקער, קענען בלויז אַזוינע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון דאָס שיינע.

האָסטו עס איינמאָל פאַרזוכט וועסטו עס קיינמאָל ניט וועלן פאַרבייטן אויף עפּעס ניט עקזיסטירנדיקעס, אויף צוגעזאָגטעס, ווען מען זאָל אפילו האַלטן אין שווערן, אַז דאָס נייע, אַז דאָס קומענדיקע איז ממש אַנטיק.

נייע שיכטן רייסן זיך צום פאָדערגרונט, דער אַרבעטער וויל ווערן דער באַלעבאָס פון זיין לעבן, און ווען דאָס טאָג־טעגלאַכע לעבן פון מענטשן וועט פאַרבעסערט ווערן און עס וועט פאַרשווינדן די חיה׳שע מורא פאַר׳ן קומענדן טאָג און דער נייער באַלעבאָס וועט זיך אַביסל אויספּאַשען דאָס בייכל, וועט ער גנעדיק גרייט זיין צו פאַרזוכן אַ ביסל גייסטיקע שפּייז.

די גוואוערנאַנטקעס פון דעם קומענדן באַלעבאָס גיבן אים שוין צו פאַרזוכן פון „גייסטיקער״ שפּייז. זיי דערלאַנגען עס אים אין אַן





אויפגעלייזטער פאָרם, עס זאָל אים לייכט זיין צו פאַרדייען. מען גיט עס אים איין זייער פאַרזיכטיק.

די ליטעראַטור, וואָס האָט די צושטימונג פון די אויפזעער פון קומענדן באַלעבאָס, אַפּעלירט ניט צום האַרצן נאָר צום קאָפּ. געדאַנקען זיינען דאָ הויכע און נידעריקע, גרינגע און שווערערע, מען קען זיי פּאָפּולאַריזירן, סערווירן אין אַ צוגענגלאַכער פאָרם. אָבער דאָס וואָס דאַרף אַפּעלירן צום האַרצן קען מען ניט פאַרוואַסערן, עס איז גאַנץ, האַרמאָניש, עס איז לעבן, און דאָס לאָזט זיך ניט צעטיילן, דאָס לאָזט זיך ניט פּאָפּולאַריזירן.

די ליטעראַטור, וואָס האָט אָט דעם הכשר, דערמאָנט זייער אָפט אַן דרוש. עס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַלעגאָריע, מיט טיפע רמזים און אומגעוויינלאַך שטאַרקע, טעכנישע ווערטער. ביי מענטשן, וואָס זיינען פאַרזאָרגט דעם גאַנצן טאָג מיט פאַרדינען אויף ברויט אָדער אפילו אין געשעפט, ווערט צוביסלאַך טעמפּיק דאָס האַרץ צו פיינע, אויסגעבאַליעטע ווערטער און געפילן. עס אַרבעט בלויז דער קאָפּ, ניט אַזאַ איידעלער אַפּאַראַט, צו וועלכן מען דאַרף זיך ווענדן מיט שטאַרקערע, גראָבערע מיטלען.

די ליטעראַטור איז פול מיט הויכע טעמאַס און נאָך שטאַרקערע ווערטער. דאָס וואָרט האָט אָנגעוואָרן זיין אמת׳ע באַדייטונג, און ווען דאָס וואָרט מיינט עפּעס אַנדערש ווי עס איז, איז קונסט אומעגלאַך.

מעגלאַך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אין טעגלאַכן לעבן פון יענער זייט ים האָט מען געמוזט אָנהויבן נוצן אויפגעשוואָלענע ווערטער און ציפערן, פאַר ברויט צי קאַרטאָפל דאַרף מען אין די הונדערטער טויזנטער און שוועבעלאַך אין די טויזנטער, מען האָט אָנגעוואוירן דעם אמת׳ן ווערט פון ציפערן און ווערטער.

אָבער אין אַזאַ צושטאַנד איז אוממעגלאַך קונסט. קונסט קען ניט פאַרטראָגן ווילדע איבערטרייבונגען.

נידעריקער פון דער וואַליוטע און טראָגנען איז געפאַלן דאָס וואָרט און פאַר דעם כבוד פון דעם וואָרט דאַרף קעמפן דער, וואָס האָט אַ זין און אַ געפיל פאַר דאָס שיינע.

דאָס איז ניט קיין קולטור־אַרבעט, דאָס איז פאַר אונזער אייגענעם נוצן. עס איז אוממעגלאַך צו אַרבעטן אין אַן אַטמאָספער, וואו די נשמה און דער זין פון דאָס שיינע, — דאָס וואָרט, — האָט פאַרלאָרן זיין פנים.

דאָס וואָרט פאַרלירט קיינמאָל ניט זיין ווערט, זיין באַדייטונג, אויסער ביי די, וואָס האָבן עס קיינמאָל ניט געהאַט. אָבער מען קען זיך ניט העלפן, זיי שרייען אַזוי, זיי טומלען זיך אַזוי, זיי באַנוצן

כסדר די הייליקסטע און פֿאַרהייליקטע ווערטער, אַז מיר הויבן אָן קריגן אַ ווידער־טעם צו זיי, צו די אומשולדיקע ווערטער.

אָט טרעף איך זיך לעצטנס מיט אַ באַקאַנטן אידישן זשורנאַליסט. געשמועסט אַ ווײַלע, געוויצלט זיך; שפּעטער נעם איך אַ בלאַט צייטונג אין האַנט און לעז דאָרט, אַז דער, מיט וועמען איך האָב נאָר־וואָס גערעדט, איז אַ פֿאַררעטער, רענעגאַט, און מיר דאַכט זיך ווי איך וואָלט געלייענט פֿאַרטרעטער, סאָלדאַט, האַרמאַט. ניט מיר האָט פֿאַרוואונדערט, ניט מיר האָט געאַרט, ניט איך האָב געזען אין דעם עפּעס אומגעוויינלאַכס. ניט דערפֿאַר, וואָס איך ווייס ניט וואָס עס איז אַ פֿאַררעטער, אין געגנטייל, דערפֿאַר ווייל איך ווייס יאָ, און נאָך מער ווייס איך, אַז יענער שרייבער דאָרט וואָס האָט עס געשריבן, האָט ניט געוואוסט וואָס ער פּלוידערט. ווייל זאָגן שלעכטס, און זייענדיק טויב, שטום, ניט האָבנדיק קיין טעם אין ווערטער שיט ער זיי ווי באָב, און בלויז „שטאַרקע" ווערטער. וואָלט דאָס יאָ געוואוסט דעם פּשט פֿון וואָרט וואָלט ער דאָך ניט געזעסן מיט יענעם שרייבער אין דער זעלבער קאַפּע כמעט ביי דעם זעלבן טישל.

ביי אַזאַ לאַגע מוז דער קינסטלער בלייבן אין אַ פֿאַרלעגנהייט. כדי אַרויסצוברענגען זיין העלד אין אַזאַ ליכט מוז ער אים ברענגען אין פֿיינלאַכע סיטואַציעס, מוז אַרויסברענגען און זיך גריבלען אין דעם קאַמף, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זיין נשמה און ערשט דערנאָך קען ער אים באַטיטלען מיט דעם רעזולטאַט צו וועלכן ער איז געקומען. דאָס מוז מאַכן אַ קאָמישן איינדרוק אויפֿ'ן לעזער און סוף כל סוף אויף זיך אַליין. געאַרבעט צוקומען צו אַ שלום, צו וועלכן יעדער שטומער צייטונגס־שרייבער קומט אָן גפיל, אָן האַרץ, אָן איבערטראַכטונג, נאָר גלאַט אַזוי זיך.

דער שרייבער מוז ווערן פֿאַרצווייפֿלט, ער הויבט אָן צו צווייפֿלען צי דאָס וואָרט דריקט טאַקע אויס דאָס, וואָס עס דאַרף אויסדריקן.

און אַזוי לאָזט ער זיך פֿאַרפֿירן פֿון מענשן, וואָס האָבן קיין זין ניט פֿאַר'ן וואָרט.

און דאָס זעלבע איז מיט טעמאַס.

אָן עפּעידעמיע אויף טיפּע טעמאַס. עס איז געוואָרן אַ שאַנד פֿאַר ווייב און קינד צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַ געוויינלאַכן ענין. איך האָב מער אָדער ווייניקער אַ באַגריף וועגן די אידישע לידער־זאַמלונגען אין די לעצטע פּאָר יאָר, איך קען אַ גרויסן טייל פֿון זייערע פֿאַרפֿאַסער פּערזענלאַך, נאָר אַ גרויסער פּראָצענט פֿון זיי איז פּשוט מינדערזיניק, אַ גאַנץ פּעסל פֿון די דאָזיקע מינדערזיניקייטן





דערגרייכט ניט די קנעכל פֿון אַ פּשוט'ן אָדם, אָבער עפּנט דאָס נאָר דעם מויל שיטן זיך ממש פּערל און טיף איז דאָס ווי דער ים סוף.

וואָס־זשע בלייבט צו טאָן? גאָרניט בלייבט צו טאָן! אין תוך עקזיסטירען זיי ניט און מיר אַלע דאַרפֿן דערפֿילן, אַז טויבע, שטומע, מינדערזיניקע זיינען פֿאַר אונז קיין מוסטער ניט! אונזער אויפֿגאַבע, עס איז אייגנטלאַך ניט קיין אויפֿגאַבע, אונזער פֿליכט איז צוריקצושטעלן דאָס וואָרט אויף דעם פּעדעסטאַל פֿון וועלכן עס האָט זיך אַרונטערגעגליטשט.

דער אמת'ער קינסטלער איז געזעץ! און זיין וואָרט, נאָך מער ווי געזעץ. דאָס וואָרט איז, אמת, ניט זיין ציל, דערפֿאַר אָבער דער עקזאַקטער אויסדרוק פֿון זיין געפֿיל, פֿון זיין געדאַנק און דעריבער קען עס ניט זיין אַלט, אָפּגעלעבט, פֿאַרלירן זיין באַדייטונג. עס איז דער שפּיגל, דער ריינער, דער וואונדערבאַרער שפּיגל, דער איינציקער פֿאַר'ן געדאַנק, פֿאַר'ן געפֿיל, דערפֿאַר היט אים דער קינסטלער אַזוי אָפּ, און דערפֿאַר איז דער, וואָס האָט ניט קיין געפֿיל פֿאַר'ן וואָרט קיין קינסטלער, פֿאַרשטייט ניט דעם תוך פֿון קונסט.